בחצרות סאטמאר

צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת

יום ב' פ' ויצא | ב' דר"ח כסליו | תשע"א | סוטה: מ"ה.

# באריכט:

נעכטן אוועגט איז פאהרגעקומען ביי מרן רבינו שליט"א דער קישור החיתון פון נכדת האדמו"ר מ'ספינקא קרית יואל שליט"א, בת הר"ר אייזיק כהנא הי"ו מיט החתן בן הר"ר חיים אלעזר ווייס שליט"א מ'חומעלניק, מחשובי תלמידי ישיבתיה"ק.

שפעטער ביינאכט איז הרה"ג ר' ישעי' אשר זעליג אייכלער שליט"א מנהל בית חינוך לבנות על טהרת הקודש בעמנואל – וועלכער ווילט אצינד דאהי לטובת די דארטיגע מוסדות – געקומען צום רבי'ן שליט"א ווי ער האט איבערגעגבן פאר'ן רבי'ן א דעטאלינדער באריכט איבער די דארטיגע מצב, און געבעטן דעם רבי'ן חיזוק אנצוגיין אין די הייליגע מערכה. דער רבי שליט"א האט אויסגעפרעגט אלע פרטים ארום די מערכה, דער רבי האט שטארק הנאה געהאט צו זעהן ווי די אינגעלייט צייגן ארויס גרייטקייט צו שטיין לימין המערכה, ווי דער אש קודש ברענט אין די הערצער צו העלפן יעדע מערכה וואס איז א גירא בעינא דשיטנא. בפרט ווען די פרשה איז דאך ארויסגעקומען לעיני רבבות אלפי ישראל, און די מחאה קעגן דעם בג"ץ הציוני האט אפגעקלונגען מקצה העולם ועד סופו.

אויך האט זיך דער רבי שליט"א פערזענליך משתתף געווען מיט'ן געבן א שיינע נתינה פאר'ן חשובן מנהל שליט"א, און אזוי אויך מחזק געווען און אויפגעפאדערט די עסקנים ארויסצוהעלפן אין אט דעם הייליגן ענין.

❧•☙

היינט אינדערפרי האט דער רבי שליט"א געדאווענט שחרית אין ישיבה גדולה – שיעור ג' ווי נאכ'ן דאווענען איז פאהרגעקומען א מסיבת לחיים לכבוד ראש חודש, און דערביי האט דער רבי שליט"א משמיע געווען דברות קודש דברי חיזוק פאר די תלמידים.

❧•☙

## בארא פארק'ער רב שליט"א פראוועט סעודת ר"ח אין ישיב"ק ב"פ

לכבוד ראש חודש האט היינט הגה"צ גאב"ד דקהלתינו ב"פ שליט"א געדאווענט שחרית אין די ישיבה קטנה אין בארא פארק, ווי עס איז נאכ'ן דאווענען פאהרגעקומען א סעודת ראש חודש בראשות דעם רב שליט"א, און דער רב

שליט"א האט אויפגעטרעטן מיט טרעפליכע דברי חיזוק פאר די בחורים בענין לימוד והתמדת התורה.

## קאמפיין לטובת "אסירי עמנואל"

במשך די פארלאפענע טעג איז געלאזט געווארן אין שוואונג א העפטיגער קאמפיין לטובת די "אסירי עמנואל", לטובת די עלטערן וואס זענען באשולדיגט געווארן אינעם חטא פון "בזיון בית המשפט", בשעת ווען זיי האבן בשום אופן זיך נישט געוואלט אונטערבייגן די באפעלן פונעם בג"ץ אויף זייער בית חינוך.

זונטאג איז אנגעקומען קיין אמעריקא הרה"ג ר' ישעי' אשר זעליג אייכלער שליט"א מנהל בית חינוך לבנות על טהרת הקודש בעמנואל, ווי א גרופע עסקנים זענען ארויסגעפארן אים אפוואַרטן ביים עירפארט און אפגעברענגט קיין קרית יואל.

זונטאג פארנאכטס איז אפגעהאלטן געווארן א גרויסארטיגע "אסיפת עסקנים" אין חדר יצחק מארקאוויטש בביהמ"ד הגדול, וואו הרב ר' ישעי' האט איבערגעגעבן דעם גאנצן השתלשלות פון די מערכה, און דערציילט איבער דעם פרישן קנס פון 3600 שקל, דאס איז 1000 דאללער פער קאפ פאר 88 עלטערן וואס דארפן דאס באצאלן ביז א קורצן טערמין און ארויסגעברענגט דעם ביטערן ווי געשריי פון די ארטיגע אידן וואס זענען אנטשלאסן צו פירן דעם מוסד על טהרת הקודש עד כדי מסי"נ, אבער דא רעדט מען פון דעם קנס וואס זיי קענען נישט באצאלן ווען אלע אידן דארט זענען ארימע בני תורה, און אויב זיי וועלן דאס נישט באצאלן בקרוב דעמאלטס גייען זיי צוריק אין טורמע.

מ'האט אויך געהערט ווארימע ווערטער פון הרה"ג ר' שמואל בר"מ פריעדמאן שליט"א, מו"ה הערשל פריעדמאן הי"ו, מו"ה שמואל שלמה טעללער הי"ו, און העסקן נמרץ מו"ה אהרן יוסף פריעדמאן הי"ו.

במשך די טעג גייט דער חשוב'ער גאסט ארומגיין על פתחי נדיבים וואו עס איז ערווארטעט גאהר א ווארימע שטיצע פון אנ"ש תלמיד וחסידי סאטמאר.

## אקציע אין אנטווערפן לטובת כולל עצי חיים

אויף דעם פאראנגנעם שב"ק פ' תולדות האבן זיך אנגעזעהן בבית מדרשינו די שלוחא דרחמנא וועלכע זענען געקומען קלאפן על פתחי נדיבים לטובת דעם הייליגן סאטמארן כולל אברכים "כולל עצי חיים" בעיר בני ברק, וועלכע איז די גרעסטע כולל על טהרת הקודש אין ארץ הקודש.

די שלוחא דרחמנא וועלן זיך געפונען אין שטאט ביז סוף די וואך, און אנ"ש ווערן געבעטן זיך אנצורופן ווארעם מיט שיינע סכומים, און מחזק זיין דעם מבצר התורה אין ארץ הקודש לצדקת רבי מאיר בעל הנס.

*-אלקא דמאיר עננו-*

דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטאַרן, נייעסן, בילדער,
און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:
BechatsrosSatmar@Gmail.com
ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין
מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען
פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.